גאָפּלען און זיינע פייערפאַנען; אַלע זיינע כלים זאָלסטו
מאַכן פון קופּער. [4] און זאָלסט מאַכן צו אים אַ קופּערנע
זיפּ פון נעצאַרבעט, און זאָלסט מאַכן אויף דער נעץ פיר
קופּערנע רינגען אויף זיינע פיר עקן. [5] און זאָלסט זי
אַרויפטאָן אונטער דעם געזימס פון מזבח, פון אונטן, און
די נעץ זאָל זיין ביז דער העלפט פון מזבח. [6] און זאָלסט
מאַכן שטאַנגען צום מזבח, שטאַנגען פון שִטים־האָלץ, און
זיי איבערציען מיט קופּער. [7] און זיינע שטאַנגען זאָלן
אַריינגעצויגן ווערן אין די רינגען, און די שטאַנגען זאָלן
זיין אויף ביידע זייטן פון מזבח, ווען מע טראָגט אים.
[8] הויל אינעווייניק, פון ברעטער, זאָלסטו אים מאַכן; אַזוי
ווי מע האָט דיר געוויזן אויפן באַרג, אַזוי זאָל מען מאַכן.
[9] און זאָלסט מאַכן דעם הויף פון מִשכן: פאַר דער
דָרום־זייט צו דָרום, אַרומהאַנגען פאַרן הויף פון געדרייטן
ליינען, הונדערט איילן די לענג פאַר דער איין זייט.
[10] און די זיילן דערצו צוואַנציק, און זייערע שוועלן
צוואַנציק, פון קופּער; די העקלעך פון די זיילן, און
זייערע רייפבענדער, פון זילבער. [11] און דעסגלייכן פאַר
דער צפון־זייט, פאַר לענג: אַרומהאַנגען הונדערט איילן
די לענג, און די זיילן דערצו צוואַנציק, און זייערע שוועלן
צוואַנציק, פון קופּער; די העקלעך פון די זיילן, און
זייערע רייפבענדער, פון זילבער. [12] און פאַר ברייט פון
הויף אין מערב־זייט, אַרומהאַנגען פון פופציק איילן: די
זיילן דערצו צען, און זייערע שוועלן צען. [13] און די ברייט

ד וּמִזְלְגֹתָיו וּמַחְתֹּתָיו לְכָל־כֵּלָיו תַּעֲשֶׂה נְחֹשֶׁת׃ וְעָשִׂיתָ
לּוֹ מִכְבָּר מַעֲשֵׂה רֶשֶׁת נְחֹשֶׁת וְעָשִׂיתָ עַל־הָרֶשֶׁת אַרְבַּע
ה טַבְּעֹת נְחֹשֶׁת עַל אַרְבַּע קְצוֹתָיו׃ וְנָתַתָּה אֹתָהּ תַּחַת
כַּרְכֹּב הַמִּזְבֵּחַ מִלְּמָטָּה וְהָיְתָה הָרֶשֶׁת עַד חֲצִי הַמִּזְבֵּחַ׃
ו וְעָשִׂיתָ בַדִּים לַמִּזְבֵּחַ בַּדֵּי עֲצֵי שִׁטִּים וְצִפִּיתָ אֹתָם נְחֹשֶׁת׃
ז וְהוּבָא אֶת־בַּדָּיו בַּטַּבָּעֹת וְהָיוּ הַבַּדִּים עַל־שְׁתֵּי צַלְעֹת
ח הַמִּזְבֵּחַ בִּשְׂאֵת אֹתוֹ׃ נְבוּב לֻחֹת תַּעֲשֶׂה אֹתוֹ כַּאֲשֶׁר
שב' הֶרְאָה אֹתְךָ בָּהָר כֵּן יַעֲשׂוּ׃ ס וְעָשִׂיתָ אֵת חֲצַר
הַמִּשְׁכָּן לִפְאַת נֶגֶב־תֵּימָנָה קְלָעִים לֶחָצֵר שֵׁשׁ מָשְׁזָר
י מֵאָה בָאַמָּה אֹרֶךְ לַפֵּאָה הָאֶחָת׃ וְעַמֻּדָיו עֶשְׂרִים וְאַדְנֵיהֶם
יא עֶשְׂרִים נְחֹשֶׁת וָוֵי הָעַמֻּדִים וַחֲשֻׁקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְכֵן לִפְאַת
צָפוֹן בָּאֹרֶךְ קְלָעִים מֵאָה אֹרֶךְ וְעַמֻּדָו עֶשְׂרִים וְאַדְנֵיהֶם
יב עֶשְׂרִים נְחֹשֶׁת וָוֵי הָעַמֻּדִים וַחֲשֻׁקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְרֹחַב הֶחָצֵר
לִפְאַת־יָם קְלָעִים חֲמִשִּׁים אַמָּה עַמֻּדֵיהֶם עֲשָׂרָה וְאַדְנֵיהֶם
יג עֲשָׂרָה׃ וְרֹחַב הֶחָצֵר לִפְאַת קֵדְמָה מִזְרָחָה חֲמִשִּׁים
יד אַמָּה׃ וַחֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה אַמָּה קְלָעִים לַכָּתֵף עַמֻּדֵיהֶם
טו שְׁלֹשָׁה וְאַדְנֵיהֶם שְׁלֹשָׁה׃ וְלַכָּתֵף הַשֵּׁנִית חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה
טז קְלָעִים עַמֻּדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה וְאַדְנֵיהֶם שְׁלֹשָׁה׃ וּלְשַׁעַר הֶחָצֵר
מָסָךְ ׀ עֶשְׂרִים אַמָּה תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ
מָשְׁזָר מַעֲשֵׂה רֹקֵם עַמֻּדֵיהֶם אַרְבָּעָה וְאַדְנֵיהֶם אַרְבָּעָה׃
מפ' כָּל־עַמּוּדֵי הֶחָצֵר סָבִיב מְחֻשָּׁקִים כֶּסֶף וָוֵיהֶם כָּסֶף
יח וְאַדְנֵיהֶם נְחֹשֶׁת׃ אֹרֶךְ הֶחָצֵר מֵאָה בָאַמָּה וְרֹחַב ׀ חֲמִשִּׁים
בַּחֲמִשִּׁים וְקֹמָה חָמֵשׁ אַמּוֹת שֵׁשׁ מָשְׁזָר וְאַדְנֵיהֶם נְחֹשֶׁת׃
יט לְכֹל כְּלֵי הַמִּשְׁכָּן בְּכֹל עֲבֹדָתוֹ וְכָל־יְתֵדֹתָיו וְכָל־יִתְדֹת
הֶחָצֵר נְחֹשֶׁת׃ ס

פון הויף אין מזרח־זייט צו זונאויפגאַנג פופציק איילן. [14] און פופצן איילן אַרומהאַנגען פאַר איין זייט; די זיילן
דערצו דריי, און זייערע שוועלן דריי. [15] און פאַר דער צווייטער זייט פופצן איילן אַרומהאַנגען; די זיילן
דערצו דריי, און זייערע שוועלן דריי. [16] און פאַרן טויער פון הויף אַ פאָרהאַנג פון צוואַנציק איילן, פון בלאָער
וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען, געשטיקטע אַרבעט; די זיילן דערצו פיר, און זייערע שוועלן
פיר. [17] אַלע זיילן פון הויף רונד אַרום, אַרומגערייפט מיט זילבער; זייערע העקלעך פון זילבער, און זייערע שוועלן
פון קופּער. [18] די לענג פון הויף הונדערט איילן, און די ברייט פופציק אַקעגן פופציק, און די הייך פינף איילן, פון
געדרייטן ליינען; און די שוועלן דערצו פון קופּער. [19] אַלע געצייג פון מִשכן פאַר זיין גאַנצער אַרבעט, און אַלע זיינע
פלעקלעך, און אַלע פלעקלעך פון הויף, פון קופּער.

## תְּצַוֶּה

[20] און דו זאָלסט באַפעלן די קינדער פון ישׂראל,
זיי זאָלן דיר ברענגען ריינע געשלאָגענע בוימל פאַר
דער לייכטונג, אויף אָנצינדן אַ ליכט תמיד. [21] אין
אוהל־מועד, דרויסן פון פָּרוֹכֶת וואָס פאַרן געזעץ,

כ וְאַתָּה תְּצַוֶּה ׀ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ
כא כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד׃ בְּאֹהֶל מוֹעֵד מִחוּץ

יא' ועמדיו קרי

לַפָּרֹכֶת אֲשֶׁר עַל־הָעֵדֻת יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן וּבָנָיו מֵעֶרֶב עַד־
בֹּקֶר לִפְנֵי יְהוָה חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתָם מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ ס

## כח

א וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ אֶת־אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאֶת־בָּנָיו אִתּוֹ מִתּוֹךְ
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכַהֲנוֹ־לִי אַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא אֶלְעָזָר וְאִיתָמָר
ב בְּנֵי אַהֲרֹן׃ וְעָשִׂיתָ בִגְדֵי־קֹדֶשׁ לְאַהֲרֹן אָחִיךָ לְכָבוֹד
ג וּלְתִפְאָרֶת׃ וְאַתָּה תְּדַבֵּר אֶל־כָּל־חַכְמֵי־לֵב אֲשֶׁר מִלֵּאתִיו
רוּחַ חָכְמָה וְעָשׂוּ אֶת־בִּגְדֵי אַהֲרֹן לְקַדְּשׁוֹ לְכַהֲנוֹ־לִי׃
ד וְאֵלֶּה הַבְּגָדִים אֲשֶׁר יַעֲשׂוּ חֹשֶׁן וְאֵפוֹד וּמְעִיל וּכְתֹנֶת
תַּשְׁבֵּץ מִצְנֶפֶת וְאַבְנֵט וְעָשׂוּ בִגְדֵי־קֹדֶשׁ לְאַהֲרֹן אָחִיךָ
ה וּלְבָנָיו לְכַהֲנוֹ־לִי׃ וְהֵם יִקְחוּ אֶת־הַזָּהָב וְאֶת־הַתְּכֵלֶת
וְאֶת־הָאַרְגָּמָן וְאֶת־תּוֹלַעַת הַשָּׁנִי וְאֶת־הַשֵּׁשׁ׃ פ
ו וְעָשׂוּ אֶת־הָאֵפֹד זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן תּוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ
ז מָשְׁזָר מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב׃ שְׁתֵּי כְתֵפֹת חֹבְרֹת יִהְיֶה־לּוֹ אֶל־
ח שְׁנֵי קְצוֹתָיו וְחֻבָּר׃ וְחֵשֶׁב אֲפֻדָּתוֹ אֲשֶׁר עָלָיו כְּמַעֲשֵׂהוּ
מִמֶּנּוּ יִהְיֶה זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ
ט מָשְׁזָר׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־שְׁתֵּי אַבְנֵי־שֹׁהַם וּפִתַּחְתָּ עֲלֵיהֶם
י שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ שִׁשָּׁה מִשְּׁמֹתָם עַל הָאֶבֶן הָאֶחָת
וְאֶת־שְׁמוֹת הַשִּׁשָּׁה הַנּוֹתָרִים עַל־הָאֶבֶן הַשֵּׁנִית כְּתוֹלְדֹתָם׃
יא מַעֲשֵׂה חָרַשׁ אֶבֶן פִּתּוּחֵי חֹתָם תְּפַתַּח אֶת־שְׁתֵּי הָאֲבָנִים
עַל־שְׁמֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֻסַבֹּת מִשְׁבְּצוֹת זָהָב תַּעֲשֶׂה
יב אֹתָם׃ וְשַׂמְתָּ אֶת־שְׁתֵּי הָאֲבָנִים עַל כִּתְפֹת הָאֵפֹד אַבְנֵי
זִכָּרֹן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת־שְׁמוֹתָם לִפְנֵי יְהוָה
שני עַל־שְׁתֵּי כְתֵפָיו לְזִכָּרֹן׃ ס וְעָשִׂיתָ מִשְׁבְּצֹת זָהָב׃
יד וּשְׁתֵּי שַׁרְשְׁרֹת זָהָב טָהוֹר מִגְבָּלֹת תַּעֲשֶׂה אֹתָם מַעֲשֵׂה
עֲבֹת וְנָתַתָּה אֶת־שַׁרְשְׁרֹת הָעֲבֹתֹת עַל־הַמִּשְׁבְּצֹת׃ ס
טו וְעָשִׂיתָ חֹשֶׁן מִשְׁפָּט מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב כְּמַעֲשֵׂה אֵפֹד תַּעֲשֶׂנּוּ
זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר תַּעֲשֶׂה

זאָל עס אַהרן און זיינע קינדער צוריכטן אויף פון אָוונט ביז אין דער פרי, פאַר גאָט; אַן אייביק געזעץ אויף זייערע דור־דורות פאַר די קינדער פון ישראל.

## כח

[1] און דו מאַך גענענען צו דיר דיין ברודער אַהרנען, און זיינע זין מיט אים, פון צווישן די קינדער פון ישראל, כדי זיי זאָלן זיין כהנים צו מיר; אַהרן, נָדָב, און אַביהוא, אֶלעָזָר, און איתָמָר, אַהרנס זין. [2] און זאָלסט מאַכן דיין ברודער אַהרנען הייליקע קליידער פאַר אַ כבוד און פאַר אַ שיינקייט. [3] און דו זאָלסט רעדן צו אַלע קלוגהאַרציקע, וואָס איך האָב זיי אָנגעפילט מיט אַ גייסט פון חכמה, זיי זאָלן מאַכן די קליידער פאַר אַהרנען, כדי אים צו הייליקן אַז ער זאָל זיין אַ כהן צו מיר.

[4] און דאָס זיינען די קליידער, וואָס זיי זאָלן מאַכן: אַ חושֶן, און אַן אֵפוד, און אַ מאַנטל, און אַ געקעסטלט העמדל, אַ הויב, און אַ גאַרטל; און זיי זאָלן מאַכן הייליקע קליידער פאַר דיין ברודער אַהרנען און פאַר זיינע זין, כדי זיי זאָלן זיין כהנים צו מיר. [5] און זיי זאָלן נעמען דאָס גאָלד, און די בלאָע וואָל, און דעם פורפל, און דאָס ווערמילרויט, און דעם ליינען.

[6] און זיי זאָלן מאַכן דעם אֵפוד פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפל, ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען, קונציק אויסגעאַרבעט. [7] צוויי אַקסלבענדער זאָל ער האָבן, באַהעפט צו זיינע צוויי עקן, כדי ער זאָל זיין באַהעפט. [8] און דער גאַרטלבאַנד וואָס אויף אים, זאָל זיין אַזוי ווי זיין אַרבעט, פון אים גופא; פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען. [9] און זאָלסט נעמען צוויי אָניקלשטיינער, און אויסקריצן אויף זיי די נעמען פון די קינדער פון ישראל; [10] זעקס פון זייערע נעמען אויף איין שטיין, און די איבעריקע זעקס נעמען אויפן צווייטן שטיין, לויט זייערע געבורטן. [11] ווי אַרבעט פון אַ שטיינשניידער, ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל, זאָלסטו אויסקריצן די צוויי שטיינער לויט די נעמען פון די קינדער פון ישראל; אַיינגעראַמט אין אַיינפאַסונגען פון גאָלד זאָלסטו זיי מאַכן. [12] און זאָלסט אַרויפטאָן די צוויי שטיינער אויף די אַקסלבענדער פון אֵפוד—שטיינער פון דערמאָנונג פאַר די קינדער פון ישראל; און אַהרן זאָל טראָגן זייערע נעמען פאַר גאָט אויף זיינע צוויי אַקסלען פאַר אַ דערמאָנונג.

[13] און זאָלסט מאַכן אַיינפאַסונגען פון גאָלד; [14] און צוויי קייטן פון ריינעם גאָלד; געדרייט זאָלסטו זיי מאַכן, פלעכטאַרבעט; און זאָלסט אַרויפטאָן די געפלאָכטענע קייטן אויף די אַיינפאַסונגען.

[15] און זאָלסט מאַכן אַ חושֶן פון באַשייד, קונציק אויסגעאַרבעט; אַזוי ווי די אַרבעט פון אֵפוד זאָלסטו אים מאַכן: פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען, זאָלסטו אים מאַכן.

16 פירעקעכדיק זאָל ער זיין, געטאָפּלט, אַ שפּאַן זיין לענג, און אַ שפּאַן זיין ברייט. 17 און זאָלסט אַריינזעצן אין אים אַן איינזעצונג פון שטיינער, פיר ציילן שטיינער. אַ צייל פון רובין, טאָפּאַז, און שמאָראַק, איין צייל; 18 און די צווייטע צייל: גאַרפונקל, סאַפּירשטיין, און דימענט; 19 און די דריטע צייל: יאַכצום, אַגאַט, און אַמעטיסט; 20 און די פירטע צייל: גאָלדשטיין, און אָניקל, און יאַשפּיז; איינגעזעצט אין גאָלד זאָלן זיי זיין אין זייערע אַיינפאַסונ־גען. 21 און די שטיינער זאָלן זיין לויט די נעמען פון די קינדער פון ישראל, צוועלף, לויט זייערע נעמען; ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל, איטלעכער לויט זיין נאָמען זאָלן זיי זיין, אַקעגן די צוועלף שבטים. 22 און זאָלסט מאַכן אויפן חושן געדרייטע קייטן, פלעכטאַרבעט, פון ריינעם גאָלד. 23 און זאָלסט מאַכן צום חושן צוויי גילדערנע רינגען, און אַרויפטאָן די צוויי רינגען אויף די צוויי עקן פון חושן. 24 און זאָלסט אַריינטאָן די צוויי גילדערנע פלעכטן אין די צוויי רינגען ביי די עקן פון חושן. 25 און די צוויי עקן פון די צוויי פלעכטן זאָלסטו אַרויפטאָן אויף די צוויי אַיינפאַסונגען, און אַרויפטאָן אויף די אַקסלבענדער פון אַפוד, אויף זיין פאָדערזייט. 26 און זאָלסט מאַכן צוויי גילדערנע רינגען, און זיי אַרויפזעצן אויף די צוויי עקן פון חושן ביי זיין זוים וואָס צו דער זייט פון אַפוד, אינעווייניק צו. 27 און זאָלסט מאַכן צוויי גילדערנע רינגען, און זיי אַרויפטאָן אויף די צוויי אַקסלבענדער פון אַפוד, פון אונטן, אויף זיין פאָדערזייט, לעבן זיין באַהעפטונג, איבער דעם אַרומבאַנד פון אַפוד. 28 און מע זאָל צושנירן דעם חושן דורך זיינע רינגען צו די רינגען פון אַפוד מיט אַ שנור פון בלאָער וואָל, כדי ער זאָל זיין אויף דעם אַרומבאַנד פון אַפוד, און דער חושן זאָל זיך ניט אַראָפּרוקן פון אַפוד. 29 און אַהרן זאָל טראָגן די נעמען פון די קינדער פון ישראל אין דעם חושן פון באַשייד אויף זיין האַרצן, ווען ער קומט אין הייליקטום, פאַר אַ דערמאָנונג פאַר גאָט תמיד. 30 און זאָלסט אַריינטאָן אין דעם חושן פון באַשייד די אורים־ותומים, און זיי זאָלן זיין ביי אַהרנען אויפן האַרצן, ווען ער קומט פאַר גאָט; און אַהרן זאָל טראָגן דעם באַשייד פון די קינדער פון ישראל אויף זיין האַרצן פאַר גאָט תמיד.

31 און זאָלסט מאַכן דעם מאַנטל פון אַפוד פון לויטער בלאָער וואָל. 32 און זיין עפענונג פאַרן קאָפּ זאָל זיין אין זיין מיטן; אַ זוים זאָל זיין ביי זיין עפענונג רונד אַרום, וועבאַרבעט; אַזוי ווי די עפענונג פון אַ פאַנצערהעמד זאָל זיין ביי אים, ער זאָל זיך ניט צערייסן. 33 און זאָלסט מאַכן אויף זיינע ברעגן מילגרוימען פון בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, אויף זיינע ברעגן רונד אַרום, און גילדערנע גלעקלעך

טז יז אֹתוֹ׃ רָבוּעַ יִהְיֶה כָּפוּל זֶרֶת אָרְכּוֹ וְזֶרֶת רָחְבּוֹ׃ וּמִלֵּאתָ
בוֹ מִלֻּאַת אֶבֶן אַרְבָּעָה טוּרִים אָבֶן טוּר אֹדֶם פִּטְדָה
יח וּבָרֶקֶת הַטּוּר הָאֶחָד׃ וְהַטּוּר הַשֵּׁנִי נֹפֶךְ סַפִּיר וְיָהֲלֹם׃
יט כ וְהַטּוּר הַשְּׁלִישִׁי לֶשֶׁם שְׁבוֹ וְאַחְלָמָה׃ וְהַטּוּר הָרְבִיעִי
תַּרְשִׁישׁ וְשֹׁהַם וְיָשְׁפֵה מְשֻׁבָּצִים זָהָב יִהְיוּ בְּמִלּוּאֹתָם׃
כא וְהָאֲבָנִים תִּהְיֶיןָ עַל־שְׁמֹת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה עַל־
שְׁמֹתָם פִּתּוּחֵי חוֹתָם אִישׁ עַל־שְׁמוֹ תִּהְיֶיןָ לִשְׁנֵי עָשָׂר
כב שָׁבֶט׃ וְעָשִׂיתָ עַל־הַחֹשֶׁן שַׁרְשֹׁת גַּבְלֻת מַעֲשֵׂה עֲבֹת זָהָב
כג טָהוֹר׃ וְעָשִׂיתָ עַל־הַחֹשֶׁן שְׁתֵּי טַבְּעוֹת זָהָב וְנָתַתָּ אֶת־
כד שְׁתֵּי הַטַּבָּעוֹת עַל־שְׁנֵי קְצוֹת הַחֹשֶׁן׃ וְנָתַתָּה אֶת־שְׁתֵּי
כה עֲבֹתֹת הַזָּהָב עַל־שְׁתֵּי הַטַּבָּעֹת אֶל־קְצוֹת הַחֹשֶׁן׃ וְאֵת
שְׁתֵּי קְצוֹת שְׁתֵּי הָעֲבֹתֹת תִּתֵּן עַל־שְׁתֵּי הַמִּשְׁבְּצוֹת וְנָתַתָּה
כו עַל־כִּתְפוֹת הָאֵפֹד אֶל־מוּל פָּנָיו׃ וְעָשִׂיתָ שְׁתֵּי טַבְּעוֹת זָהָב
וְשַׂמְתָּ אֹתָם עַל־שְׁנֵי קְצוֹת הַחֹשֶׁן עַל־שְׂפָתוֹ אֲשֶׁר אֶל־
כז עֵבֶר הָאֵפוֹד בָּיְתָה׃ וְעָשִׂיתָ שְׁתֵּי טַבְּעוֹת זָהָב וְנָתַתָּה
אֹתָם עַל־שְׁתֵּי כִתְפוֹת הָאֵפוֹד מִלְמַטָּה מִמּוּל פָּנָיו לְעֻמַּת
כח מַחְבַּרְתּוֹ מִמַּעַל לְחֵשֶׁב הָאֵפוֹד׃ וְיִרְכְּסוּ אֶת־הַחֹשֶׁן
מִטַּבְּעֹתָו אֶל־טַבְּעֹת הָאֵפוֹד בִּפְתִיל תְּכֵלֶת לִהְיוֹת עַל־
כט חֵשֶׁב הָאֵפוֹד וְלֹא־יִזַּח הַחֹשֶׁן מֵעַל הָאֵפוֹד׃ וְנָשָׂא אַהֲרֹן
אֶת־שְׁמוֹת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּחֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט עַל־לִבּוֹ בְּבֹאוֹ אֶל־
ל הַקֹּדֶשׁ לְזִכָּרֹן לִפְנֵי־יְהוָה תָּמִיד׃ וְנָתַתָּ אֶל־חֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט
אֶת־הָאוּרִים וְאֶת־הַתֻּמִּים וְהָיוּ עַל־לֵב אַהֲרֹן בְּבֹאוֹ לִפְנֵי
יְהוָה וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת־מִשְׁפַּט בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל עַל־לִבּוֹ לִפְנֵי
שלי יְהוָה תָּמִיד׃ ס וְעָשִׂיתָ אֶת־מְעִיל הָאֵפוֹד כְּלִיל תְּכֵלֶת׃
לב וְהָיָה פִי־רֹאשׁוֹ בְּתוֹכוֹ שָׂפָה יִהְיֶה לְפִיו סָבִיב מַעֲשֵׂה
לג אֹרֵג כְּפִי תַחְרָא יִהְיֶה־לּוֹ לֹא יִקָּרֵעַ׃ וְעָשִׂיתָ עַל־שׁוּלָיו
רִמֹּנֵי תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי עַל־שׁוּלָיו סָבִיב וּפַעֲמֹנֵי

כח׳ מטבעתו ק

זָהָב בְּתוֹכָם סָבִיב׃ פַּעֲמֹן זָהָב וְרִמּוֹן פַּעֲמֹן זָהָב וְרִמּוֹן לד
עַל־שׁוּלֵי הַמְּעִיל סָבִיב׃ וְהָיָה עַל־אַהֲרֹן לְשָׁרֵת וְנִשְׁמַע לה
קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל־הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי יְהוָה וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת׃ ס
וְעָשִׂיתָ צִּיץ זָהָב טָהוֹר וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לו
לַיהוָה׃ וְשַׂמְתָּ אֹתוֹ עַל־פְּתִיל תְּכֵלֶת וְהָיָה עַל־הַמִּצְנָפֶת לז
אֶל־מוּל פְּנֵי־הַמִּצְנֶפֶת יִהְיֶה׃ וְהָיָה עַל־מֵצַח אַהֲרֹן וְנָשָׂא לח
אַהֲרֹן אֶת־עֲוֹן הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר יַקְדִּישׁוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכָל־
מַתְּנֹת קָדְשֵׁיהֶם וְהָיָה עַל־מִצְחוֹ תָּמִיד לְרָצוֹן לָהֶם לִפְנֵי
יְהוָה׃ וְשִׁבַּצְתָּ הַכְּתֹנֶת שֵׁשׁ וְעָשִׂיתָ מִצְנֶפֶת שֵׁשׁ וְאַבְנֵט לט
תַּעֲשֶׂה מַעֲשֵׂה רֹקֵם׃ וְלִבְנֵי אַהֲרֹן תַּעֲשֶׂה כֻתֳּנֹת וְעָשִׂיתָ מ
לָהֶם אַבְנֵטִים וּמִגְבָּעוֹת תַּעֲשֶׂה לָהֶם לְכָבוֹד וּלְתִפְאָרֶת׃
וְהִלְבַּשְׁתָּ אֹתָם אֶת־אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאֶת־בָּנָיו אִתּוֹ וּמָשַׁחְתָּ מא
אֹתָם וּמִלֵּאתָ אֶת־יָדָם וְקִדַּשְׁתָּ אֹתָם וְכִהֲנוּ־לִי׃ וַעֲשֵׂה מב
לָהֶם מִכְנְסֵי־בָד לְכַסּוֹת בְּשַׂר עֶרְוָה מִמָּתְנַיִם וְעַד־יְרֵכַיִם
יִהְיוּ׃ וְהָיוּ עַל־אַהֲרֹן וְעַל־בָּנָיו בְּבֹאָם ׀ אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד אוֹ מג
בְגִשְׁתָּם אֶל־הַמִּזְבֵּחַ לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ וְלֹא־יִשְׂאוּ עָוֺן וָמֵתוּ
חֻקַּת עוֹלָם לוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו׃ ס

## כט

זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה לָהֶם לְקַדֵּשׁ אֹתָם לְכַהֵן לִי לְקַח רב׳
פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר וְאֵילִם שְׁנַיִם תְּמִימִם׃ וְלֶחֶם מַצּוֹת ב
וְחַלֹּת מַצֹּת בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן וּרְקִיקֵי מַצּוֹת מְשֻׁחִים בַּשָּׁמֶן
סֹלֶת חִטִּים תַּעֲשֶׂה אֹתָם׃ וְנָתַתָּ אוֹתָם עַל־סַל אֶחָד ג
וְהִקְרַבְתָּ אֹתָם בַּסָּל וְאֶת־הַפָּר וְאֵת שְׁנֵי הָאֵילִם׃ וְאֶת־ ד
אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו תַּקְרִיב אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וְרָחַצְתָּ
אֹתָם בַּמָּיִם׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־הַבְּגָדִים וְהִלְבַּשְׁתָּ אֶת־אַהֲרֹן ה
אֶת־הַכֻּתֹּנֶת וְאֵת מְעִיל הָאֵפֹד וְאֶת־הָאֵפֹד וְאֶת־הַחֹשֶׁן
וְאָפַדְתָּ לוֹ בְּחֵשֶׁב הָאֵפֹד׃ וְשַׂמְתָּ הַמִּצְנֶפֶת עַל־רֹאשׁוֹ וְנָתַתָּ ו

כט, ב׳ קמץ בז״ק

צווישן זיי רונד אַרום: [34] אַ גילדערן גלעקל און אַ מילגרויס, אַ גילדערן גלעקל און אַ מילגרויס, אויף די בּרעגן פון דעם מאַנטל רונד אַרום. [35] און עס זאָל זיין אויף אַהרנען ביים דינען, און דער קָול דערפון זאָל זיך הערן ווען ער קומט אַריין אין הייליקטום פאַר גאָט, און ווען ער גייט אַרויס, כּדי ער זאָל ניט שטאַרבן.

[36] און זאָלסט מאַכן אַ שטערנבלעך פון ריינעם גאָלד, און אויסקריצן אויף אים ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל „הייליק צו גאָט". [37] און זאָלסט עס אַרויפטאָן אויף אַ שנור פון בלאָער וואָל, און עס זאָל זיין אויף דער הויב; אויף דער פאָדערזייט פון דער הויב זאָל עס זיין. [38] און עס זאָל זיין אויף אַהרנס שטערן, און אַהרן זאָל נעמען אויף זיך די זינד אַקעגן די הייליקע זאַכן, וואָס די קינדער פון ישׂראל הייליקן, ביי אַלע זייערע הייליקע גאָבן; און עס זאָל זיין אויף זיין שטערן תּמיד, כּדי זיי זאָלן באַוויליקט ווערן פאַר גאָט.

[39] און זאָלסט מאַכן דאָס העמדל געקעסטלט, פון ליינען; און זאָלסט מאַכן אַ הויב פון ליינען; און אַ גאַרטל זאָלסטו מאַכן, געשטיקטע אַרבעט. [40] און אַהרנס זין זאָלסטו מאַכן העמדלעך; און זאָלסט זיי מאַכן גאַרטלען; און היטלען זאָלסטו זיי מאַכן פאַר אַ כּבוד און פאַר אַ שיינקייט. [41] און זאָלסט זיי אָנטאָן דיין ברודער אַהרנען און זיינע זין מיט אים; און זאָלסט זיי זאַלבן, און דערפילן זייער האַנט, און זיי הייליקן, אַז זיי זאָלן זיין כּהנים צו מיר. [42] און מאַך זיי ליינענע הויזן צו פאַרדעקן דאָס שאַנדפלייש; פון די לענדן און ביז די דיכן זאָלן זיי זיין. [43] און זיי זאָלן זיין אויף אַהרנען און זיינע זין, ווען זיי קומען אין אוהל־מוֹעד, אָדער ווען זיי גענענען צום מזבח, צו דינען אין הייליקטום; כּדי זיי זאָלן ניט טראָגן אַ זינד און שטאַרבן; אַן אייביק געזעץ פאַר אים און פאַר זיין זאָמען נאָך אים.

**כט** [1] און דאָס איז די זאַך וואָס דו זאָלסט טאָן צו זיי, זיי צו הייליקן צו זיין כּהנים צו מיר: נעם איין יונגן אָקס און צוויי ווידערס אָן אַ פעלער. [2] און אומגעזייערט ברויט, און אומגעזייערטע חלות פאַרמישט מיט אייל, און אומגעזייערטע קוכנס באַשמירט מיט אייל; פון ווייצענעם זעמלמעל זאָלסטו זיי מאַכן. [3] און זאָלסט זיי אַריינטאָן אין איין קאָרב, און זיי גענענען אין דעם קאָרב, מיט דעם אָקס און מיט די צוויי ווידערס. [4] און אַהרנען און זיינע זין זאָלסטו מאַכן גענענען צום איינגאַנג פון אוהל־מוֹעד, און זאָלסט זיי וואַשן מיט וואַסער. [5] און זאָלסט נעמען די קליידער, און אָנקליידן אַהרנען דאָס העמדל, און דעם מאַנטל פון אֵפוֹד, און דעם אֵפוֹד, און דעם חוֹשֶן, און אים אָנגורטן מיט דעם אַרומבאַנד פון אֵפוֹד. [6] און זאָלסט אָנטאָן די הויב אויף זיין קאָפּ, און אַרויפטאָן

א ד. ה. איינוויין.

ז אֶת־נֵזֶר הַקֹּדֶשׁ עַל־הַמִּצְנָפֶת׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה
ח וְיָצַקְתָּ עַל־רֹאשׁוֹ וּמָשַׁחְתָּ אֹתוֹ׃ וְאֶת־בָּנָיו תַּקְרִיב
ט וְהִלְבַּשְׁתָּם כֻּתֳּנֹת׃ וְחָגַרְתָּ אֹתָם אַבְנֵט אַהֲרֹן וּבָנָיו
וְחָבַשְׁתָּ לָהֶם מִגְבָּעֹת וְהָיְתָה לָהֶם כְּהֻנָּה לְחֻקַּת עוֹלָם
י וּמִלֵּאתָ יַד־אַהֲרֹן וְיַד־בָּנָיו׃ וְהִקְרַבְתָּ אֶת־הַפָּר לִפְנֵי אֹהֶל
מוֹעֵד וְסָמַךְ אַהֲרֹן וּבָנָיו אֶת־יְדֵיהֶם עַל־רֹאשׁ הַפָּר׃
יא יב וְשָׁחַטְתָּ אֶת־הַפָּר לִפְנֵי יְהוָה פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְלָקַחְתָּ
מִדַּם הַפָּר וְנָתַתָּה עַל־קַרְנֹת הַמִּזְבֵּחַ בְּאֶצְבָּעֶךָ וְאֶת־כָּל־
יג הַדָּם תִּשְׁפֹּךְ אֶל־יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־כָּל־הַחֵלֶב
הַמְכַסֶּה אֶת־הַקֶּרֶב וְאֵת הַיֹּתֶרֶת עַל־הַכָּבֵד וְאֵת שְׁתֵּי
יד הַכְּלָיֹת וְאֶת־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עֲלֵיהֶן וְהִקְטַרְתָּ הַמִּזְבֵּחָה׃ וְאֶת־
בְּשַׂר הַפָּר וְאֶת־עֹרוֹ וְאֶת־פִּרְשׁוֹ תִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ מִחוּץ לַמַּחֲנֶה
טו חַטָּאת הוּא׃ וְאֶת־הָאַיִל הָאֶחָד תִּקָּח וְסָמְכוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו
טז אֶת־יְדֵיהֶם עַל־רֹאשׁ הָאָיִל׃ וְשָׁחַטְתָּ אֶת־הָאָיִל וְלָקַחְתָּ
יז אֶת־דָּמוֹ וְזָרַקְתָּ עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וְאֶת־הָאַיִל תְּנַתֵּחַ
לִנְתָחָיו וְרָחַצְתָּ קִרְבּוֹ וּכְרָעָיו וְנָתַתָּ עַל־נְתָחָיו וְעַל־
יח רֹאשׁוֹ׃ וְהִקְטַרְתָּ אֶת־כָּל־הָאַיִל הַמִּזְבֵּחָה עֹלָה הוּא לַיהוָה
חמ׳ רֵיחַ נִיחוֹחַ אִשֶּׁה לַיהוָה הוּא׃ וְלָקַחְתָּ אֵת הָאַיִל הַשֵּׁנִי
כ וְסָמַךְ אַהֲרֹן וּבָנָיו אֶת־יְדֵיהֶם עַל־רֹאשׁ הָאָיִל׃ וְשָׁחַטְתָּ
אֶת־הָאַיִל וְלָקַחְתָּ מִדָּמוֹ וְנָתַתָּה עַל־תְּנוּךְ אֹזֶן אַהֲרֹן וְעַל־
תְּנוּךְ אֹזֶן בָּנָיו הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן יָדָם הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן
כא רַגְלָם הַיְמָנִית וְזָרַקְתָּ אֶת־הַדָּם עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וְלָקַחְתָּ
מִן־הַדָּם אֲשֶׁר עַל־הַמִּזְבֵּחַ וּמִשֶּׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְהִזֵּיתָ עַל־
אַהֲרֹן וְעַל־בְּגָדָיו וְעַל־בָּנָיו וְעַל־בִּגְדֵי בָנָיו אִתּוֹ וְקָדַשׁ
כב הוּא וּבְגָדָיו וּבָנָיו וּבִגְדֵי בָנָיו אִתּוֹ׃ וְלָקַחְתָּ מִן־הָאַיִל
הַחֵלֶב וְהָאַלְיָה וְאֶת־הַחֵלֶב ׀ הַמְכַסֶּה אֶת־הַקֶּרֶב וְאֵת
יֹתֶרֶת הַכָּבֵד וְאֵת ׀ שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת וְאֶת־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עֲלֵיהֶן
כג וְאֵת שׁוֹק הַיָּמִין כִּי אֵיל מִלֻּאִים הוּא׃ וְכִכַּר לֶחֶם אַחַת

די הייליקע קרוין אויף דער הויב. [7] און זאָלסט נעמען דאָס אייל פון זאַלבונג, און אַרויפגיסן אויף זיין קאָפּ, און אים זאַלבן. [8] און זיינע זין זאָלסטו מאַכן גענענען, און זיי אָנקליידן העמדלעך. [9] און זאָלסט זיי אָנגורטן אַ גאַרטל, אַהרנען און זיינע זין, און זיי אָנבינדן היטלען, און די כהונה זאָל זיי געהערן פאַר אַן אייביקן רעכט; און זאָלסט דערפילן די האַנט פון אַהרנען, און די האַנט פון זיינע זין.

[10] און זאָלסט מאַכן גענענען דעם אָקס פאַרן אוהל־מועד, און אַהרן און זיינע זין זאָלן אָנלענען זייערע הענט אויפן קאָפּ פון אָקס. [11] און זאָלסט שעכטן דעם אָקס פאַר גאָט, ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. [12] און זאָלסט נעמען פון דעם בלוט פון אָקס, און אַרויפטאָן אויף די הערנער פון מזבח מיט דיין פינגער, און דאָס גאַנצע בלוט זאָלסטו אויסגיסן ביים גרונט פון מזבח. [13] און זאָלסט נעמען דאָס גאַנצע פעטס וואָס באַדעקט די אינגעווייד, און דאָס רויטפּלייש איבער דעם לעבער, און ביידע נירן, און דאָס פעטס וואָס אויף זיי, און דעמפן אויפן מזבח. [14] און דאָס פלייש פון אָקס, און זיין פעל, און זיין מיסט, זאָלסטו פאַרברענען אין פייער אויסן לאַגער; אַ זינד־אָפּפער איז דאָס.

[15] און איין ווידער זאָלסטו נעמען, און אַהרן און זיינע זין זאָלן אָנלענען זייערע הענט אויפן קאָפּ פון ווידער. [16] און זאָלסט שעכטן דעם ווידער, און נעמען זיין בלוט, און שפּרענגען אויפן מזבח רונד אַרום. [17] און דעם ווידער זאָלסטו צעשניידן אויף זיינע שטיקער, און זאָלסט וואַשן זיינע אינגעווייד, און זיינע קני, און זיי אַוועקלייגן צו זיינע שטיקער, און צו זיין קאָפּ. [18] און זאָלסט דעמפן דעם גאַנצן ווידער אויפן מזבח; אַ בראַנדאָפּפער איז דאָס צו גאָט; אַ געשמאַקער ריח, אַ פייעראָפּפער איז דאָס צו גאָט.

[19] און זאָלסט נעמען דעם צווייטן ווידער, און אַהרן און זיינע זין זאָלן אָנלענען זייערע הענט אויפן קאָפּ פון ווידער. [20] און זאָלסט שעכטן דעם ווידער, און נעמען פון זיין בלוט, און אַרויפטאָן אויפן רעכטן אויער־לעפּל פון אַהרנען, און אויפן רעכטן אויערלעפּל פון זיינע זין, און אויפן דוימען פון זייער רעכטער האַנט, און אויפן דוימען פון זייער רעכטן פוס; און זאָלסט שפּרענגען דאָס בלוט אויפן מזבח רונד אַרום. [21] און זאָלסט נעמען פון דעם בלוט וואָס אויפן מזבח, און פון דעם אייל פון זאַלבונג, און שפּריצן אויף אַהרנען, און אויף זיינע קליידער, און אויף זיינע זין, און אויף די קליידער פון זיינע זין מיט אים; און ער און זיינע קליידער וועלן ווערן הייליק, און זיינע זין און די קליידער פון זיינע זין מיט אים. [22] און זאָלסט נעמען פון דעם ווידער דאָס פעטס, און דעם ווידל, און דאָס פעטס וואָס באַדעקט די אינגעווייד, און דאָס רויטפּלייש פון לעבער, און ביידע נירן, און דאָס פעטס וואָס אויף זיי, און דעם רעכטן שענקל—וואָרום אַ ווידער פון דערפילונג[א] איז דאָס—[23] און איין לאַבן ברויט,

[א] ד. ה. איינווייאונג, הייליקונג.

וְחַלַּת לֶחֶם שֶׁמֶן אַחַת וְרָקִיק אֶחָד מִסַּל הַמַּצּוֹת אֲשֶׁר
לִפְנֵי יְהוָה׃ וְשַׂמְתָּ הַכֹּל עַל כַּפֵּי אַהֲרֹן וְעַל כַּפֵּי בָנָיו כד
וְהֵנַפְתָּ אֹתָם תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה׃ וְלָקַחְתָּ אֹתָם מִיָּדָם כה
וְהִקְטַרְתָּ הַמִּזְבֵּחָה עַל־הָעֹלָה לְרֵיחַ נִיחוֹחַ לִפְנֵי יְהוָה
אִשֶּׁה הוּא לַיהוָה׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־הֶחָזֶה מֵאֵיל הַמִּלֻּאִים כו
אֲשֶׁר לְאַהֲרֹן וְהֵנַפְתָּ אֹתוֹ תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה וְהָיָה לְךָ
לְמָנָה׃ וְקִדַּשְׁתָּ אֵת ׀ חֲזֵה הַתְּנוּפָה וְאֵת שׁוֹק הַתְּרוּמָה כז
אֲשֶׁר הוּנַף וַאֲשֶׁר הוּרָם מֵאֵיל הַמִּלֻּאִים מֵאֲשֶׁר לְאַהֲרֹן
וּמֵאֲשֶׁר לְבָנָיו׃ וְהָיָה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו לְחָק־עוֹלָם מֵאֵת כח
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי תְרוּמָה הוּא וּתְרוּמָה יִהְיֶה מֵאֵת בְּנֵי־
יִשְׂרָאֵל מִזִּבְחֵי שַׁלְמֵיהֶם תְּרוּמָתָם לַיהוָה׃ וּבִגְדֵי הַקֹּדֶשׁ כט
אֲשֶׁר לְאַהֲרֹן יִהְיוּ לְבָנָיו אַחֲרָיו לְמָשְׁחָה בָהֶם וּלְמַלֵּא־
בָם אֶת־יָדָם׃ שִׁבְעַת יָמִים יִלְבָּשָׁם הַכֹּהֵן תַּחְתָּיו מִבָּנָיו ל
אֲשֶׁר יָבֹא אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ׃ וְאֵת אֵיל הַמִּלֻּאִים לא
תִּקָּח וּבִשַּׁלְתָּ אֶת־בְּשָׂרוֹ בְּמָקֹם קָדֹשׁ׃ וְאָכַל אַהֲרֹן וּבָנָיו לב
אֶת־בְּשַׂר הָאַיִל וְאֶת־הַלֶּחֶם אֲשֶׁר בַּסָּל פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃
וְאָכְלוּ אֹתָם אֲשֶׁר כֻּפַּר בָּהֶם לְמַלֵּא אֶת־יָדָם לְקַדֵּשׁ אֹתָם לג
וְזָר לֹא־יֹאכַל כִּי־קֹדֶשׁ הֵם׃ וְאִם־יִוָּתֵר מִבְּשַׂר הַמִּלֻּאִים לד
וּמִן־הַלֶּחֶם עַד־הַבֹּקֶר וְשָׂרַפְתָּ אֶת־הַנּוֹתָר בָּאֵשׁ לֹא יֵאָכֵל
כִּי־קֹדֶשׁ הוּא׃ וְעָשִׂיתָ לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו כָּכָה כְּכֹל אֲשֶׁר־ לה
צִוִּיתִי אֹתָכָה שִׁבְעַת יָמִים תְּמַלֵּא יָדָם׃ וּפַר חַטָּאת תַּעֲשֶׂה לו
לַיּוֹם עַל־הַכִּפֻּרִים וְחִטֵּאתָ עַל־הַמִּזְבֵּחַ בְּכַפֶּרְךָ עָלָיו
וּמָשַׁחְתָּ אֹתוֹ לְקַדְּשׁוֹ׃ שִׁבְעַת יָמִים תְּכַפֵּר עַל־הַמִּזְבֵּחַ לז
וְקִדַּשְׁתָּ אֹתוֹ וְהָיָה הַמִּזְבֵּחַ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים כָּל־הַנֹּגֵעַ בַּמִּזְבֵּחַ
יִקְדָּשׁ׃ ס וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה עַל־הַמִּזְבֵּחַ כְּבָשִׂים בְּנֵי־ ששי
שָׁנָה שְׁנַיִם לַיּוֹם תָּמִיד׃ אֶת־הַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד תַּעֲשֶׂה לט
בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם׃ וְעִשָּׂרֹן מ
סֹלֶת בָּלוּל בְּשֶׁמֶן כָּתִית רֶבַע הַהִין וְנֵסֶךְ רְבִיעִת הַהִין

און איין חלה ברויט אויף אייל, און איין קוכן פון דעם קאָרב אומגעזייערטן ברויט וואָס פאַר גאָט. [24] און זאָלסט אַלצדינג אַרויפטאָן אויף די הענט פון אַהרנען, און אויף די הענט פון זיינע זין; און זאָלסט זיי אויפהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט. [25] און זאָלסט עס נעמען פון זייער האַנט, און דעמפן אויפן מזבח, איבער דעם בראַנדאָפּפער, פאַר אַ געשמאַקן ריח פאַר גאָט; אַ פייעראָפּפער איז דאָס צו גאָט. [26] און זאָלסט נעמען די ברוסט פון דעם ווידער פון דערפילונג וואָס פאַר אַהרנען, און זי אויפהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט; און עס זאָל זיין דיר צום חלק. [27] און זאָלסט הייליקן די ברוסט פון אויפהייבונג, און דעם שענקל פון אָפּשיידונג, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן, און וואָס איז אָפּגעשיידט געוואָרן פון דעם ווידער פון דערפילונג, פון דעם וואָס פאַר אַהרנען און פאַר זיינע זין. [28] און עס זאָל געהערן צו אַהרנען און צו זיינע קינדער, פאַר אַן אייביקן רעכט, פון די קינדער פון ישראל; וואָרום אַן אָפּשיידונג איז דאָס, און אַן אָפּשיידונג זאָל עס זיין, פון די קינדער פון ישראל פון זייערע פרידאָפּפער, זייער אָפּשיידונג צו גאָט.

[29] און די הייליקע קליידער פון אַהרנען זאָלן זיין פאַר זיינע זין נאָך אים, אויף צו זאַלבן אין זיי, און צו דערפילן זייער האַנט אין זיי. [30] זיבן טעג זאָל זיי אָנטאָן דער פון זיינע זין, וואָס ווערט דער כהן אויף זיין אָרט, דער וואָס קומט אין אוהל־מועד צו דינען אין הייליקטום.

[31] און דעם ווידער פון דערפילונג זאָלסטו נעמען, און קאָכן זיין פלייש אין אַ הייליקן אָרט. [32] און אַהרן און זיינע זין זאָלן עסן דאָס פלייש פון דעם ווידער, און דאָס ברויט וואָס אין קאָרב, ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. [33] און דאָס זאָלן עסן די אויף וועמען עס איז פאַרגעבן געוואָרן דערמיט, כדי צו דערפילן זייער האַנט, זיי צו הייליקן; אָבער אַ פרעמדער זאָל דערפון ניט עסן, ווייל דאָס איז הייליק. [34] און אַז עס וועט איבערבלייבן פון דעם פלייש פון דערפילונג, אָדער פון דעם ברויט, ביז אין דער פרי, זאָלסטו פאַרברענען דאָס געבליבענע אין פייער; עס זאָל ניט געגעסן ווערן, וואָרום עס איז הייליק.

[35] און זאָלסט טאָן צו אַהרנען און צו זיינע זין אַזוי ווי אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן; זיבן טעג זאָלסטו דערפילן זייער האַנט. [36] און אַן אָקס אַ זינדאָפּפער זאָלסטו מאַכן איטלעכן טאָג פאַר אַ פאַרגעבונג, און ריייניקן דעם מזבח מיט דיין מכפר זיין אויף אים; און זאָלסט אים זאַלבן, אים צו הייליקן. [37] זיבן טעג זאָלסטו מכפר זיין אויפן מזבח, און אים הייליקן; און דער מזבח זאָל זיין אַ הייליקסטע הייליקייט; אַלץ וואָס רירט זיך אָן אָן מזבח זאָל ווערן הייליק.

[38] און דאָס איז וואָס דו זאָלסט מאַכן אויפן מזבח: יאָריקע שעפּסן צוויי אַ טאָג, תמיד. [39] איין שעפּס זאָלסטו מאַכן אין דער פרי, און דעם צווייטן שעפּס זאָלסטו מאַכן קעגן אָוונט. [40] און אַ צענטל זעמלמעל פאַרמישט מיט געשלאָגענע אייל אַ פערטל הין, און אַ גיסאָפּפער פון אַ פערטל הין וויין צו

דעם איין שעפּס. [41] און דעם צווייטן שעפּס זאָלסטו מאַכן קעגן אָוונט; אַזוי ווי דאָס שפּייזאָפּפער פון אין דער פרי, און אַזוי ווי זיין גיסאָפּפער, זאָלסטו מאַכן צו אים, פאַר אַ געשמאַקן ריח, אַ פייעראָפּפער צו גאָט. [42] אַ שטענדיק בראַנדאָפּפער אויף אייערע דור־דורות, ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד, פאַר גאָט, וואָס דאָרטן וועל איך זיך אַנטפּלעקן צו אַייך, דאָרטן צו רעדן צו דיר. [43] און איך וועל זיך דאָרטן אַנטפּלעקן צו די קינדער פון ישראל, און עס וועט געהייליקט ווערן מיט מיין פּראַכט. [44] און איך וועל הייליקן דעם אוהל־מועד, און דעם מזבח; און אַהרנען און זיינע זין וועל איך הייליקן צו זיין כהנים צו מיר. [45] און איך וועל רוען צווישן די קינדער פון ישראל, און וועל זיי זיין צום גאָט. [46] און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין יהוה זייער גאָט, וואָס האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם, כדי איך זאָל רוען צווישן זיי. איך בין יהוה זייער גאָט.

מא יין לכבש האחד: ואת הכבש השני תעשה בין הערבים
כמנחת הבקר וכנסכה תעשה־לה לריח ניחח אשה
מב ליהוה: עלת תמיד לדרתיכם פתח אהל־מועד לפני
מג יהוה אשר אועד לכם שמה לדבר אליך שם: ונעדתי
מד שמה לבני ישראל ונקדש בכבדי: וקדשתי את־אהל
מועד ואת־המזבח ואת־אהרן ואת־בניו אקדש לכהן
מה לי: ושכנתי בתוך בני ישראל והייתי להם לאלהים:
מו וידעו כי אני יהוה אלהיהם אשר הוצאתי אתם מארץ
מצרים לשכני בתוכם אני יהוה אלהיהם: פ

ל

[1] און זאָלסט מאַכן אַ מזבח פאַר רייכערונג פון ווייַ־רויך; פון שִטים־האָלץ זאָלסטו אים מאַכן. [2] אַן אייל זיין לענג, און אַן אייל זיין ברייט; פירעקעכדיק זאָל ער זיין, און צוויי איילן זיין הייך; פון אים גופא זאָלן זיין זיינע הערנער. [3] און זאָלסט אים איבערציען מיט ריינעם גאָלד, זיין אויבערדעק, און זיינע ווענט רונד אַרום, און זיינע הערנער; און זאָלסט מאַכן צו אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. [4] און צוויי גילדערנע רינגען זאָלסטו מאַכן צו אים אונטער זיין קראַנץ; אויף זיינע צוויי פלאַנקען זאָלסטו זיי מאַכן–אויף זיינע צוויי זייטן, און זיי זאָלן זיין פאַר אויערן פאַר די שטאַנגען, אים צו טראָגן אויף זיי. [5] און זאָלסט מאַכן די שטאַנגען פון שִטים־האָלץ, און זיי איבערציען מיט גאָלד. [6] און זאָלסט אים אַוועקשטעלן פאַר דעם פּרוֹכֶת וואָס פאַר דעם אָרון פון געזעץ, פאַר דעם דעק וואָס איבער דעם געזעץ, וואָס דאָרטן וועל איך זיך אַנטפּלעקן צו דיר. [7] און אַהרן זאָל רייכערן אויף אים ווייַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן; פרימאָרגן אין פרימאָרגן, ווען ער מאַכט צורעכט די רערלעך, זאָל ער עס רייכערן. [8] און ווען אַהרן צינדט אָן די רערלעך קעגן אָוונט, זאָל ער עס רייכערן; אַ שטענדיקן ווייַרויך פאַר גאָט אויף אייערע דור־דורות. [9] איר זאָלט ניט אויפברענגען אויף אים פרעמדן ווייַרויך, אָדער אַ בראַנדאָפּפער און אַ שפּייזאָפּפער; און אַ גיסאָפּפער זאָלט איר ניט גיסן אויף אים. [10] און אַהרן זאָל מכפּר זיין אויף זיינע הערנער איין מאָל אין יאָר; מיט דעם בלוט פון דעם זינדאָפּפער פון פאַרגעבונג זאָל ער איין מאָל אין יאָר מכפּר זיין אויף אים, אויף אייערע דור־דורות; אַ הייליקסטע הייליקייט איז ער צו גאָט.

שב׳ ועשית מזבח מקטר קטרת עצי שטים תעשה אתו:
ב אמה ארכו ואמה רחבו רבוע יהיה ואמתים קמתו
ג ממנו קרנתיו: וצפית אתו זהב טהור את־גגו ואת־
קירתיו סביב ואת־קרנתיו ועשית לו זר זהב סביב:
ד ושתי טבעת זהב תעשה־לו | מתחת לזרו על שתי
צלעתיו תעשה על־שני צדיו והיה לבתים לבדים לשאת
ה אתו בהמה: ועשית את־הבדים עצי שטים וצפית אתם
ו זהב: ונתתה אתו לפני הפרכת אשר על־ארן העדת לפני
ז הכפרת אשר על־העדת אשר אועד לך שמה: והקטיר
עליו אהרן קטרת סמים בבקר בבקר בהיטיבו את־הנרת
מפ׳ יקטירנה: ובהעלת אהרן את־הנרת בין הערבים יקטירנה
ט קטרת תמיד לפני יהוה לדרתיכם: לא־תעלו עליו קטרת
י זרה ועלה ומנחה ונסך לא תסכו עליו: וכפר אהרן על־
קרנתיו אחת בשנה מדם חטאת הכפרים אחת בשנה
יכפר עליו לדרתיכם קדש־קדשים הוא ליהוה: פ

## כי תשא

[11] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [12] אַז דו וועסט אויפנעמען דעם מספּר פון די קינדער

יא יב וידבר יהוה אל־משה לאמר: כי תשא את־ראש בני־